ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח׳

## פרשת ראה

שנת תשע"א

**ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה:** לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס דער פסוק הייבט אן מיט ראה, א לשון יחיד, און איז מסיים מיט לפניכם א לשון רבים.

ענטפערט דער הייליגער **חתם סופר זי"ע** לויט די גמרא (קידושין דף מ׳ ע"א) אז א מענטש דארף באטראכטן די וועלט ווי עס איז האלב זכאי און האלב חייב, אויב טוט ער איין מצוה וועגט ער איבער די גאנצע וועלט לכף זכות, און מיט איין עבירה וועגט ער איבער די גאנצע וועלט לכף חובה.

דאס זאגט די תורה פאר יעדן יחיד, **ראה**, דו זעה, **אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה**, מיט דיין מעשה ווערט געגעבן פאר די גאנצע וועלט א ברכה מיט א קללה, ווייל יעדער יחיד קען מכריע זיין די גאנצע וועלט מיט זיינע מעשים.

*

**לא תעשון כן לה׳ אלקיכם, כי אם אל המקום אשר יבחר ה׳ אלקיכם:** זאגט רש"י אז דאס איז א אזהרה אויף מחיקת השם. לכאורה לויט דעם דארף מען פארשטיין דעם המשך צום קומענדיגן פסוק כי אם אל המקום אשר יבחר ה"א?

זאגט דער **יעלת חן** לויט די גמרא אין מס׳ סוכה (דף נ"ג ע"ב) וואס דערציילט אז ווען דוד המלך האט געגראבן די שיתין פארן מזבח איז דער תהום ארויפגעקומען, און עס האט זיך כמעט פארפלייצט די גאנצע וועלט, האט דוד המלך געזוכט א היתר צו אפמעקן דעם שם שמים, און אחיתופל האט דעמאלטס געמאכט א קל וחומר פון א סוטה, אז מה-דאך פאר מאכן שלום בין איש לאשתו האט די תורה מתיר געווען מחיקת השם, איז דאך זיכער אז מ׳מעג דאס טון כדי מציל צו זיין די גאנצע וועלט. האט טאקע דוד המלך אפגעשריבן דעם שם אויף א בלעך, און ער האט דאס אריינגעווארפן אינעם תהום און דער תהום איז צוריק אראפגעגאנגען.

דאס זאגט דער פסוק **לא תעשון כן לה׳ אלקיכם**, וואס דאס איז א אזהרה אויף מחיקת השם, אבער **כי אם אל המקום אשר יבחר ה׳**, אויב דאס וועט זיך אויספעלן פארן בנין ביהמ"ק, ווי ביי די מעשה פון דוד המלך, דארט איז יא מותר מחיקת השם.

*

**עשר תעשר:** במדרש הה"ד **אם השמאל ואימינה ואם הימין ואשמאילה.**

דער הייליגער **אפטער רב זי"ע** איז מסביר מיט די גמרא אין מס׳ תענית (דף ט׳ ע"א) וואס זאגט **עשר תעשר, עשר בשביל שתתעשר**, אז מיטן אראפגעבן מעשר ווערט מען רייך, און דער מדרש (תנחומא פ"י) ברענגט א מעשה אז איינער פלעגט געבן מעשר און ער האט אויפגעהערט, האט זיין פעלד אנגעהויבן ארויסצוגעבן נאר א צענטל פירות ווי פריער.

דאס זאגט דער מדרש **עשר תעשר, הה"ד אם השמאל**, אויב וועסטו לייגן די פינטעלע אויף די לינקע זייט פונעם ש׳, דאס הייסט דו וועסט זאגן **עשר**, און דו וועסט אראפ נעמען **מעשר**, **ואימינה**, וועט דער אייבערשטער לייגן אויף די רעכטע זייט און זאגן **עשר** אז דו זאלסט זיין רייך. אויב אבער **ואם הימין**, די וועסט וועלן האבן עשירות און נישט אראפ נעמען מעשר, **ואשמאילה**, וועט דער אייבערשטער דאס לייגן אויף די לינקע זייט פונעם ש׳ און זאגן עשר, און דיר געבן נאר א צענטל פון וויפיל עס פלעגט זיין בעפאר.

### את הברכה אשר תשמעו

דער הייליגער **תולדות יעקב יוסף זי"ע** זאגט אז ווען אידן וואלטן ווען געהערט די גאנצע תורה פונעם אייבערשטן אליין וואלט מען ווען קיינמאל נישט פארגעסן דאס לערנען, דאס שכחה קומט ווייל מ׳האט דאס געהערט פון משה רבינו ע"ה.

די קליפה פון **שכחה** הייסט **קללה**. און די **קדושה** ווערט אנגערופן **ברוך**.

דאס זאגט משה רבינו **ראה אנכי** ווייל איך לערן מיט ענק די תורה, **נותן לפניכם ברכה וקללה**, קען די תורה גדענקט ווערן, און עס קען פארגעסן ווערן, אבער דאס וואס מ׳לערנט פונעם אייבערשטן אליין איז נאר א ברכה, וועגן דעם גיט ער א עצה אז עס זאל אלעמאל זיין **ברכה, אשר תשמעו**, מ׳זאל דאס איבערהערן און חזר׳ן איינמאל און נאכאמאל, אזוי וועט מען נישט פארגעסן דאס לערנען.

# אוצר הידיעות

## אל המנוחה ואל הנחלה

מיר לערנען די וואך אין די סדרה כי לא באתם עד עתה אל המנוחה ואל הנחלה, זאגט רש"י אל המנוחה זה משכן שילה, ואל הנחלה זו ירושלים.

לאמיר אביסל שמועסן איבער די פארשידענע משכנ'ס וואס אידישע קינדער האבן געהאט פון יציאת מצרים ביז ווען דער בית המקדש איז אויפגעבויעט געווארן דורך דוד ושלמה בנו.

דער ערשטער משכן איז געבויעט געווארן דורך משה רבינו דעם צווייטן יאר נאך יציאת מצרים. דער משכן איז געשטאנען 40 יאר אין מדבר.

ווען אידישע קינדער זענען אריין קיין ארץ ישראל בשנת ב' אלפים תפ"ט. דעמאלטס האט מען אויפגעשטעלט דעם זעלבן משכן אין גלגל. דער משכן איז געשטאנען ביז נאך די 14 יאר פון כיבוש וחילוק הארץ, בשנת תק"ג.

ב' אלפים תק"ג האט מען אויפגעשטעלט דעם משכן אין שילה, דאס איז שוין געווען געבויעט פון שטיינער, נישט פון קיין האלצערנע קרשים, אבער דער דאך איז נאך אלס געווען די יריעות פונעם ערשטן משכן.

דער משכן איז געשטאנען 369 יאר, ביז שנת תתע"א, ווען עלי הכהן איז געשטארבן, און די פלשתים האבן אוועק גענומען דעם ארון אלקים, איז דער משכן שילה חרוב געווארן.

דעמאלטס האט מען צוריק גענומען די באהאלטענע קרשים פונעם ערשטן משכן וואס משרע"ה האט געבויעט, און מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן אין נוב, וואס איז געשטאנען דרייצן יאר, ביז תתפ"ד, ווען שאול המלך האט אויסגע'הרג'עט נוב עיר הכהנים איז דער משכן חרוב געווארן.

דעמאלטס איז אויפגעשטעלט געווארן דער משכן מיט די זעלבע קרשים אין גבעון, וואס איז געשטאנען 50 יאר, ביז ווען בשנת תתקל"ה איז פארענדיגט געווארן דאס געבוי פונעם ערשטן בית המקדש, דורך שלמה המלך.

# אוצר רבותינו

## כי גם את בניהם ואת בנותיהם

**הרה"ק רבי יהושע מאויסטראווע זי"ע** היה פעם אחת אצל **הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע** על שב"ק פר' ראה.

בסעודת ליל שב"ק התחיל הרה"ק **מבעלזא ז"ל** לומר דברי תורה על הפסוק **כי כל תועבת ה' אשר שנא עשו לאלהיהם כי גם את בניהם ואת בנותיהם ישרפו באש**, פירוש רש"י **גם לרבות אבותיהם ואמותיהם**, א"ר עקיבא, אני ראיתי איך גוי כפתו לאביו לפני כלבו ואכלו.

הקשה **הרה"ק מבעלזא זי"ע** לכאורה למה אנו צריכים כאן לעדותו של ר"ע. הלא הכתוב אומר זאת בפירוש **גם את בניהם ישרפו באש?** ותירוץ שרבי עקיבא רצה להוסיף שהוא ראה זאת במו עיניו.

אחרי עריכת השולחן כאשר הרה"ק מאוסטראווע חזר לאכסניתו נענה אחד החסידים ואמר "אני הייתי מחלק משקה אם יש מי שיכול להסביר מה שאמר הרב מבעלזא היום בשעת אמירת דברי התורה".

אמר **האוסטראווער רבי:** 'נו, תביא מקשה אל השולחן ואני אסביר את דבריו הק'".

ואז אמר הרה"ק מאוסטראווע "תדע, שהרה"ק מבעלזא ראה כעת בעיניו הקדושים מעשה כזו שבן הרג את אביו, ויהיה מזה טובה ליהודי".

אחר השבת בא לבעלזא חסיד אחד ובשורה טובה בפיו שהיה לו משפט קשה, ונגדו היה איזה שר שרתה להענישו, ולפני איזה שבועות היה כאן בבעלזא, ובע"ה כעת היה לו כבר ישועה גדולה.

וסיפר החסיד שהשר נטל לעצמו עורך דין (לויער) וגם הוא נטל לעצמו עו"ד, ובמקרה היו אלה אב ובנו, האב היה בצד השר והבן היה בצד היהודי, במשך כל הזמן הרגיש היהודי שהוא בסכנה גדולה אבל היה לו אמונת צדיקים.

למעשה, בליל שב"ק העבר קם הבן והרג את אביו, והבן הלך לתפיסה ומכיון ששני העו"ד לא יכלו לבא למשפט נתבטל כל המשפט.

אז הבינו כולם הדברי תורה של הרה"ק מבעלזא, מה שהרגיש הרה"ק מאוסטראווע זי"ע.

# יגעת ומצאת

מיר וועלן דא ממשיך זיין צו לערנען אינעם "יגעת ומצאת" עטליכע געהויבענע מושגים וואס דער רבי דער בעל הילולא **מרן בעל דברי יואל זי"ע** ברענגט אסאך צו אין זיינע הייליגע ספרים, און ער ארבעט אסאך ארום מיט די בחינות אין זיינע הייליגע תורות, און אין בירורי הלכות, וואס איז וויכטיג אז יעדער תלמיד זאל האבן א ידיעה דערין.

**השתלשלות נשמות ישראל:** (אריז"ל שער הפסוקים פר' שמות) **וויפיל מאל איז די שורש נשמה פון כלל ישראל נשתלשל געווארן ביז יציאת מצרים? פארוואס האט אאע"ה מתפלל געווען אויף די אנשי סדום?** (עי' דבר"י וירא ע' שנ"א) **ווי אזוי האט לבן געוואלט לעקור את הכל?** (עי' דבר"י ויצא כ"ט) **פארוואס רופט מען א אידיש קינד "שעפעלע"? (עי' בס' זקניך ויאמרו לך ח"ג ע' 21): הסתר נשמת משיח:** (כתבי אריז"ל פר' וירא) **וויפיל דוגמאות קענסטו געבן פון זאכן וואס זענען געשעהן צוליב דעם:** 1) (פר' וירא) 2) (פר' וישב) 3) (פר' בלק) 4) (פר' דברים) 5) (מגילת רות)**: דרך הצדיקים בלימוד זכות על כלל ישראל:** (דבר"י פר' לך ע' רצ"ג, וויא"מ מ"א סי' קע"ז-קע"ט) **וויפיל דוגמאות קענסטו געבן דערויף:** 1) פר' וירא 2) פר' כי תשא, **וואס טייטשט לבלתי סור מן המצוה "ימין ושמאל"** (דבר"י פר' שופטים ע' ק"ו)**: נסים ע"י הרשעים:** (הקדמת ספה"ק על הגאולה) **וויפיל דוגמאות קענסטו געבן פון זאכן וואס זענען אין די בחינה:** 1) (דבר"י תולדות ע' תקע"ב) 2) (בשלח ע' שע"ד) 3) (שלח ש"צ) 4) (וארא רט"ז) 5) (וישב ע' רס"ז) 6) (חנוכה של"ט)

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' עקב

א. כח הפועל בהנפעל: בחינה זו איתא בספה"ק בנ"י ובהרבה ספרים שכל פעולה עושה רושם בהנפעל, ומה"ט הקפידו מאד שלא לקבל ממון מרשעים, ובוודאי לא לתמוך התורה והחינוך כדי שלא יהיה להרשעים אחיזה וכח השפעה על המקבל.

ב. נורא עלילה על בני אדם: בחינה זו מקורה במדרש תנחומא, שהעבירות המוזכרים בתורה של האבות והשבטים הק' היו כעין עלילה מאת כביכול ב"ה שמנהג עולמו בהשגחה פרטיות וכדי שיסובב הדברים שהיו בכל אופן צריכין להעשות, לכן סיבב השגחה העליונה את כל העבירות האלו. לדוגמא: חטא אדם הראשון בעץ הדעת. מכירת יוסף. מי מריבה. חטא העגל. מרגלים. דוד המלך. שלמה המלך.

ג. שלש שבועות: שלא יעלה בחומה, שלא ידחקו את הקץ, ושלמה ימרדו באומות העולם. והעונש ע"ז הוא "אני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה". בימינו אלו כאשר הציונים עברו על הג' שבועות בא הצרה הנוראה של הריגת ששת מיליאן בנ"י בעת המלחמה הנוראה.

ד. פועל דמיוני: ברמב"ן בסדר בראשית ביאר כמ"פ שכל מעשי האבוה"ק שעשו בימיהם היה בחשבון ובמטרה לעשות בזה פועל דמיוני לדורותינו אחרינו עד היום הזה אנו נהנים ממה שהכנו הם בכח קדושתם בימיהם.

ה. בירור הניצוצות: האוהח"ק מבאר שיש בכל העולם כולו מפוזר ניצוצות הקדושים המצפים לבא לתיקונם, ובנ"י בכל מקום שהם נמצאים הם מתקנים אותם הניצוצות. ומה"ט אמרו צדיקים שזהו הסיבה שקודם הגאולה שלימה צריכים בנ"י להיות מפוזרים בכל העולם כדי שיכלו לתקן כל הניצה"ק.